וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א


# קרית ברסלב בלעטל


שביעי של פסח, כ"א ניסן תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון ע"א


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................7:07
מוצאי פסח...............................8:40

## א מעשה פון תפילה

### יואל וועבערמאן

אין שטוב גרייט מען זיך שוין אן צו קאכן פיינע עסן פאר דעם גרויסן יום טוב פסח וואס קומט שוין אט אט, מען שלעפט ארויף דעם פסח'דיגן אויוועט, אבער דא באמערק איך אז איך מוז האבן א געוויסע שטיקל וואס ווערט געניצט ספעציעל ווען מען ניצט פראפעין געז, וואס טוט מען דא? גלייך האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען ווי שנעלער שאפן דעם שטיקל פון ערגעץ וואו. איך האב גערופן דעם אינגערמאן וואס האט מיר פארקויפט די אויוועט - אפשר האט ער אזא שטיקל, אבער ער זאגט ער קען עס האבן אפאר וואכן ארום, אזוי האב איך ארום גערופן א גאנצע ליסטע פון מענטשן, ביז דערווייל האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן פון טיפעניש פון הארץ ער זאל מיר העלפן איך זאל קענען פארשאפן דעם שטיקל, נאך א שטיק צייט זיכן האט מיר איין סטאר געזאגט אז איינער האט ממש יעצט געקויפט אזא אויוועט און אפשר איז מיטגעקומען דעם שטיקל, איך בין אריבער צו יענעם און ער האט דאס טאקע געהאט, און מיר עס גערן אוועקגעגעבן, שכח שכח אייבערשטער!

### בענצי יאקאבאוויטש

ביים שיעור כללי פונעם דיין הרב ר' יונה שליט"א האט ער אויסגעשמיעסט אז ס'איז גוט צו האבן אן עקסטערע אויוועט פאר פסח, גלייך האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן א פסח'דיגע אויוועט, אביסל נאכדעם רופט מיר מיין טאטע אריין און פרעגט מיר צו איך דארף אפשר זיין פסח'דיגע אויוועט וואס איז אלט נאר צוויי יאר, גלייך בין איך אריבער געפארן צו אים און עס אויפגעפיקט. שכח אייבערשטער!

### יעקב משה אינדארסקי

א געוויסע מוסד האט געטיילט מצה א וואך פאר פסח, זיי האבן מיר געשיקט א קארטל וואס מיט דעם קארטל קען מען קומען אויפפיקן די מצות, למעשה בין איך נישט אנגעקומען עס צו אויפפיקן פון זיי, אפאר טעג נאכדעם האב איך זיי גערופן זאגן זיי מיר מען קען שוין נישט יעצט אויפפיקן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נאך יא זיין א וועג עס צו קענען באקומען, איך האב גערופן שלמה יאקאבאוויטש הי"ו און ער האט געשאפט א נומבער פון איינעם וואס ארבעט ביי יענעם מוסד, און יענער האט געזאגט אויב מען קומט יעצט אריבער קען ער נאך געבן, גלייך איז איין אינגערמאן אריבער געלאפן, און מען האט עס ברוך השם אויפגעפיקט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב'ע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

**משולם נחמן פינטער נ"י וזוגתו תמ"י תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפ'ן הייליגן רבינ'ס וועג.

## נייעס אין שטעטל

### קרית ברסלב גראסערי

יא עס איז א פאקט, קוים געגרינדעט דעם שטעטל און מען האלט שוין ביי דעם אז ס'געפונט זיך שוין א אייגענעם גראסערי אין שטעטל, אבער נישט סתם א גראסערי אבי יוצא צו זיין, נאר עס איז אהערגעשטעלט מיט אלע פראדוקטן וואס פעלט זיך נאר אויס פאר א אידישע שטוב, און אויב פעלט עפעס גייט מען צו צום בעל הבית פונעם גראסערי ר' משה יחיאל הי"ו און ער מאכט זיכער ס'זאל ליגן אין גראסערי גרייט צו קויפן.

מען הערט צוריק גאר גוטע גריסן פון די משפחות אין שטעטל אז דער גראסערי האט עפעס אלע טעמים, עס האט זיך געלוינט זיך אביסל צו מוטשענען ביז היינט צו פארן אביסל ווייט צו א גראסערי, און יעצט טוט מען מכיר טוב זיין פאר דעם פיינעם גראסערי וואס איז ממש א שפאן אוועק פונדערהיים, און נאכדערצו פאר גאר גוטע פרייזן.

מיר ווילן קענען זאגן אז מען געדענקט נאך אין די ערשטע יארן פונעם שטעטל ווען ס'איז נאכנישט געווען קיין גראסערי, און אויב האט מען עפעס געדארפט האבן האט מען געדארפט אנקומען צו טובות פון אנדערע, אדער פארן א לאנגע וועג אנצוקומען צו קויפן וואס ס'פעלט זיך אויס.

**בייגעלייגט איז א בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן.**

*בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת כי תשא, י"ז אדר, שנת תשפ"א לפרט קטן*

***לכבוד טייערע אנשי שלומינו, תושבי קרית ברסלב ליבערטי, ה' עליהם יחיו***

*איך וויל אייך בעטן איר זאלט העלפן איינער דעם צווייטן; יעצט עפנט זיך א גראסערי אין שטעטל, זאלט איר זען איינקויפן אין שטעטל. דער שטעטל וועט זיך בויען אויב איר וועט טראכטן איינער פון צווייטן, איר וועט געבן פרנסה איינער דעם צווייטן.*

*איך שטיי און איך וואונדער זיך אויף די וואס ווען עס קומט צו זייער אייגענע באקוועמליכקייטן ווילן זיי נישט ארויסגיין איין איינציגע טריט פאר א צווייטן בשעת אלע גייען ארויס פון זייער וועג זיי צו געבן ארבעט; וואס קען מען טון, אלץ זענען דא אזעלכע מענטשן וואס טראכטן נאר פון זיך. איך האף אז רוב אנשי שלומינו ווילן יא טראכטן פון א צווייטן.*

*מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועל איך זיין יום טוב פסח אין שטעטל.*

***דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.***

# א ברייוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**בעזרת השם יתברך - ערב שביעי של פסח, כ' ניסן, שנת תשע"ז לפ"ק**

לכבוד ... נ"י

היינט נאכט קומט מען זיך צוזאם אין בית המדרש, מען זינגט די שירת הים וואס די אידן האבן געזינגען ווען זיי זענען אריבער דעם ים סוף. מיר וועלן זיך אי"ה צוזאמקומען אין ישיבה, און אלע תלמידים וואס וואוינען אין בארא פארק, מאנרא, און אין מאנסי, וועלן זיך אויך צוזאמנעמען אין זייער שול.

איך בעט דיר זייער שטארק אז דו זאלסט **קומען דאווענען אין היכל הקודש**, ווייל אז מען דרייט זיך אין היכל הקודש באקומט מען חיזוק אויף תורה ותפילה, חוץ אז דו טרעפסט א שול וואו מען וועט דיר מער מחזק זיין צו לערנען און דאווענען דעמאלט וויל איך אויך אהין גיין - אן ליצנות. אבער אויב דו האסט נישט געפונען א פלאץ וואו מען איז דיר מער מחזק אויף תורה ותפילה זאלסטו קומען דאווענען אין היכל הקודש.

זאלסט וויסן אז איך בין אריבער אסאך צער און עגמת נפש די אלע יארן וואס איך האב געעפענט די ישיבה און די מוסדות וכו', דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס מיינט בזיונות, מען האט ארויס געווארפן מיינע קינדער פון תלמוד תורה, מען האט געמאכט פראטעסטן קעגן מיר, מענער און פרויען האבן פראטעסטירט איבער גאנץ וויליאמסבורג (מיר האבן דאס אפגעכאפט אויף ווידיא), מען האט געווארפן פאשקעווילן יעדע שני וחמישי וכו' וכו', נאכדעם האט מען געמאכט אין היכל הקודש מחלוקת אויף מיר, וואס דאס האט נאך מער וויי געטון ווי די מחלוקת פון אינדרויסן, ווייל ווען א מענטש גייט אין גאס און א הונט בילט וואס טוט ער? ער גייט אהיים און פארמאכט די טיר, אבער אז דער הונט איז אין שטוב, וואס קענסטו טון?

אבער גארנישט קומט נישט צו צו די צער וואס איך האב, ווען איך זע ווי אינגעלייט וואס איך האב זיי אריין גענומען יארן צוריק אין ישיבה און זיך אוועק געגעבן מיין לעבן פאר זיי וכו' וכו' הערן אויף צו קומען דאווענען מיט אנשי שלומינו, און אויטאמאטיש **אז מען האט נישט קיין גוטע חברים פאלט מען נאכדעם אראפ.**

איך קען נישט שרייבן פון דעם קיין סאך ווייל עס ווערט מיר שלעכט, און עס דרוקט מיר מיין הארץ ווען איך טראכט פון דעם וכו', דערפאר בעט איך דיר זייער שטארק, **בינד דיך צו צום רבי'ן און קום דאווענען אין היכל הקודש**, קוק נישט אויף גארנישט; א גוטע ראש ישיבה מיינט נישט אז ער שמייכלט נאר, א ראש ישיבה מעג זאגן פאר א אינגערמאן, רעד נישט ביים דאווענען, אדער שנייד נישט דיין בארד, מען דארף נישט ווערן באליידיגט אז איינער זאגט וואס צו טון, בפרט ווען מען זעט וואס יענער האט געטון פאר מיר, און ער האט מיר געהאלפן, און ער וועט מיר נאך אסאך העלפן.

קוק דיך אן ווי שווער עס איז געווען דו זאלסט חתונה האבן, און איינער איז געקומען און זיך געפארעט מיט דיר וכו' וכו', דיך אויסגעלערנט וואס און ווען און ווי, איז דאך זיכער אז איך וועל נאך דארפן האבן אין מיין לעבן אסאך הילף, ווי אזוי מחנך צו זיין קינדער, און ווי אזוי זיי צו חתונה מאכן. איך בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן אז ער זאל מיר העלפן איך זאל האבן תלמידים הגונים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות למוד, סימן ע): "**צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל, שֶׁיִּזְכֶּה לְתַלְמִידִים הֲגוּנִים**", עס איז א שאד אז די אלע יארן וואס דו האסט געלערנט אין ישיבה און אויסגעהערט די שיעורים יעדן טאג, זאל גיין לטמיון.

פארגעס נישט אז נאך אביסל וועסטו האבן גרויסע קינדער, און דו וועסט נישט וויסן וואו זיך אהין צו טון; ווייל מען קען נישט אנכאפן א קינד און אים שלעפן ביי זיין אויער און שרייען 'גיי דאווענען', נאר אז א קינד זעט ווי זיין טאטע האט א געפיל צו דאווענען, ער קומט אין שול און דאוונט, ער רעדט נישט ביים דאווענען, אזא קינד וועט אויך דאווענען.

אבער אז דער קינד זעט ווי דאס גאנצע דאווענען איז א ליצנות ביי זיין טאטע, וועט ער אויך נישט דאווענען.

א אינגערמאן זאגט מיר אז עס קומט זיך אים א מזל טוב, ער האט געענדיגט 'כל התורה כולה' - אלע פופצן שיעורים וואס מוהרא"ש האט אוועק געשטעלט צו לערנען: 'מקרא' - חמשה חמשה תורה; 'נ"ך' - נביאים וכתובים; 'ששה סדרי משנה'; 'תלמוד בבלי'; 'תלמוד ירושלמי'; 'ששה סדרי תוספתא'; 'רמב"ם'; 'טור'; 'שולחן ערוך'; 'מדרש רבה'; 'מדרש תנחומא'; 'זוהר הקדוש'; 'תיקוני זוהר'; 'ליקוטי מוהר"ן'; 'ליקוטי הלכות'; זאג איך אים: "זייער שיין, אבער ווען האסטו דאס געלערנט - אנשטאט דאווענען? אנשטאט זמירות? אנשטאט יוצרות? אנשטאט קריאת התורה?" קוק וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן קד): "**וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת, וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו, וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת, אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת, כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר**", ווען מען דאוונט דאוונט מען, און ווען מען לערנט לערנט מען; נאר אז א מענטש היט זיך נישט זיינע אויגן, ער קוקט מאוויס און שמוץ, האט ער נישט קיין געפיל אינעם דאווענען, אזוי זאגט דער רבי (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן נ): "**כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית, אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל**", ווער עס איז פוגם בברית, ער קוקט שמוציגע מאוויס און ער פאלט אראפ אין עבירות, דער קען נישט דאווענען. מען ווערט זייער דיפרעסט; א מענטש כאפט נישט אז די עבירות מאכן אים דיפרעסט און צעבראכן, אזוי ווי דער רבי זאגט דארט ווייטער אין די תורה "**וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עַצְמוֹת שֶׁל אָדָם**", פון די עבירה קומט די מחלה וואס הייסט 'ברעכעניש' - דער מענטש ווערט צעבראכן אויף שטיק שטיקלעך, און האט נישט קיין געדולד צו דאווענען.

דער רבי זאגט (שם): "**וְאֵין יָכוֹל לִטְעֹם מְתִיקוּת בַּתְּפִילָּה, אֶלָּא כְּשֶׁתִּקֵּן פְּגַם הַבְּרִית**", מען קען נישט שפירן א טעם אין דאווענען נאר אז מען פארעכט און מען טוט תשובה, איי וועסטו פרעגן ווי אזוי פארעכט מען און מען טוט תשובה, אז מען קען נישט שפירן קיין טעם און דאווענען, קען איך דאך נישט דאווענען? אבער עס איז נישט אזוי, קודם דארף מען דאווענען אן א טעם און אן קיין געפיל און אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל תשובה טון און אלעס פארעכטן, און שפעטער העלפט דער אייבערשטער אז מען שפירט א טעם און תורה ותפילה.

יעצט חול המועד איז נישט קיין צייט פאר ברייוון, **איך האב דיר נאר געוואלט מעורר זיין צו קומען דאווענען אין היכל הקודש.**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט זוכה זיין צו האבן א לעכטיגער יום טוב, און צו אלע השפעות טובות וואס מיר באקומען אין יום טוב.

~~~~~~~~~~~


**אין ברסלב פלעגט מען זאגן: פסח איז נישט אריבער, נאר פסח**

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

א) איז נישט דא מער
ב) קומט נאכאמאל קומענדיגע יאר
ג) איז אריין
ד) ארויס

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז נחמן נתן אינדיג נ"י
תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך
האלט מען גאט אין די האנט


בדיקת חמץ ערב פסח תשפ"א



מוהרא"ש ז"ע איז מסיים מסכת תמיד ערב פסח תשע"ג



שריפת חמץ ערב פסח תשפ"א


~~~~~~~~~~~